## מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג (Multi-Factor Authentication, MFA) אנהויב אנווייזונגען

ניו יארק סטעיט האט אנגעהויבן נוצן מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג (MFA) אויף עטליכע פון אירע פאבליק-סערווירנדע אפליקאציעס.

MFA איז א וועג צו פארזיכערן די זיכערהייט און פארלעסליכקייט פון אייער אקאונט. עס פאדערט א צווייטע פאקטאר פון אידענטיפיקאציע אז איר זענט ווער איר זאגט אז איר זענט אויסער בלויז א פאסווארד. אויב איר נוצט א MFA-באשיצטע אפליקאציע, אפילו אויב איינער וואלט צוגעטראפן אדער גע'גנב'עט אייער פאסווארד, וואלטן זיי נאכאלץ נישט געקענט באקומען צוטריט אן אייער צווייטע פאקטאר. אין צייט וואס א פאסווארד איז עפעס וואס איר ווייסט, איז די צווייטע פאקטאר עפעס וואס איר זענט (געווענליך געליינט דורך א ביאמעטרישע דעווייס) אדער עפעס וואס איר פארמאגט.

די דאקומענט איז געמאכט צו ארויסהעלפן מיט העלפן קונים אויפשטעלן זייער מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג אויף זייער NY.gov אקאונט.

### אינדעקס

[Google Authenticator](#)

[Okta Verify](#)

[SMS Verify](#)

[Voice Call (טעלעפאן רוף) באשטעטיגונג](#)

**אויפשטעלן Google Authenticator מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג**

אויב איר זענט נאכנישט איינגעשריבן אין MFA, וועט מען אייך ציינגן זיך איינצושרייבן נאך איר לאג'ט אריין אין לעיבאר אנליין סערוויסעס און דרוקט אויף די "Unemployment Services" (ארבעטסלאזיגקייט סערוויסעס) אפליקאציע קנעפל.

אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען א סקרין וואס בעט אייך צו אויפשטעלן אייער מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג.

- אויף אייער סמארטפאון, דאונלאוד'ט די Google Authenticator עפפ. זע אונטן די אנווייזונגען אויף צו דאונלאוד'ען די עפפ.
- אויף אייער קאמפיוטער סקרין, דרוקט **Setup** אונטער Google Authenticator צו אנהויבן די אויפשטעל פראצעס.
- וועלט אויס אדער iPhone אדער Android ווענדנדיג אין אייער דעוויס.
  - מען וועט אייך אנזאגן צו דאונלאוד'ען די Google Authenticator עפפ פון די Google Play Store (Android) אדער די App Store (iPhone). אויב איר האט עס נאכנישט געטון, זאלט איר יעצט דאונלאוד'ען די עפפ. זע אונטן די אנווייזונגען אויף צו דאונלאוד'ען די עפפ.

  עצה: אויב איר האט אן Apple טאבלעט, וועלט אויס iPhone.
- דרוקט די **Next** (ווייטער) קנעפל.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען פאר דאונלאוד'ען די Google Authenticator עפפ אן Android דעווייס (Google Play) אדער אן Apple דעווייס (App Store).**
- אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו Android (Google Play) אדער די App Store (Apple Device)). מאכט זיכער אז אייער סמארטפאון אדער טאבלעט לויפט אויף די לעצטע ווערסיע פון די ארבעט סיסטעם (OS).
- אין Android (Google Play) אדער די Apple Device (App Store), זוכט פאר די Google Authenticator app.
- וועלט אויס די Google Authenticator עפפ.
- דאונלאדט און לייגט ארויף די עפפ.
- איינמאל איר האט ארויפגעלייגט די Google Authenticator עפפ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו די עפפ אויף אייער דעווייס און עפנט עס. *(באמערקונג: עפפ קען אויסזען אביסל אנדערש וועדנדיג זיך אין די ווערסיע פון די סעלפאון)*
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען צו נוצן די Google Authenticator עפפ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט.**
- נאכ'ן אויסוועלן Apple דעווייס אדער Android אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט אייער קאמפיוטער סקרין ציינגן א דיאלאג קעסטל מיט א פלינקע ענטפער (QR) קאוד אין עס. די QR קאוד וועט אויסזען ווי א קעסטל אנגעפולט מיט שווארצע פינטלעך.

- אויב איר קענט נישט סקענ'ען די QR קאוד אריין צו אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, דרוקט די **Can't Scan?** (קען נישט סקענ'ען?) אויסוואל אונטער די QR קאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין.

- אויב איר קענט סקענ'ען די QR קאוד אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו אייער Google Authenticator עפפ און עפנט עס, אויב עס איז נאכנישט אפן.
- דרוקט **Get Started** (הייבט אן).
- איר וועט באקומען די אויסוואל צו אדער **סקען א QR** קאוד אדער **אריינלייגן אן אויפשטעל קאוד** וועלט אויס איינס.

  עצה: אויב איר קענט נישט סקענ'ען די קאוד, וועלט אויס **Enter a setup key** (לייגט אריין אן אויפשטעל קאוד). זע אונטן פאר די אנווייזונגען אריינצולייגן אן אויפשטעל קאוד.

- אויב איר האט אן Android סעלפאון, וועט די עפפ וועט בעטן פאר ערלויבעניש צו נוצן אייער קאמערא. דרוקט "While Using the App". (בשעת נוצן די עפפ).
- אויב איר האט אן Apple דעווייס, וועט איר זען א מעסעדזש אז *"Authenticator" וויל האבן צוטריט צום קאמערא.* דרוקט OK (גוט).
- נאכ'ן געבן פאר אייער סעלפאון ערלויבעניש צו נוצן די קאמערא, וועט אייער סמארטפאון'ס סקרין צייגן א ליידיגע סקרין מיט א קעסטל אינמיטן.
- לייגט אייער סמארטפאון אדער טאבלעט'ס קאמערא איבער די QR קאוד וואס איז אויף אייער קאמפיוטער סקרין, אזוי אז די QR קאוד אויף די קאמפיוטער סקרין קומט ארויף אויף די גרינע קעסטל אויף אייער סמארטפאון'ס סקרין. די עפפ וועט אויטאמאטיש סקענ'ען אייער קאוד אריין צו די סעלפאון אדער טאבלעט.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען אויב איר האט אויסגעוועלט אריינצולייגן אן אויפשטעל קאוד אין די עפפ אנשטאט פון סקענ'ען א QR קאוד.**
- אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט מען אייך ווייזן א געהיימע קאוד. דאס איז די קאוד וואס איר וועט אריינלייגן אין די Google Authenticator עפפ. מען וועט אייך ווייזן א סקרין וואס ענטהאלט אנווייזונגען צו אריינלייגן אן אויפשטעל קאוד.
- אויף אייער Google Authenticator עפפ, וועט איר זען א סקרין אריינצולייגן אקאונט איינצלהייטן. אויף די סקרין, לייגט אריין די פאלגענדע אינפארמאציע:
  - אייער NY.gov אקאונט נאמען אין די 'אקאונט נאמען' פלאץ.
  - אייער געהיימע קאוד אין די 'אייער קאוד' פלאץ.
  - וועלט אויס 'צייט-באזירט' פון די סארט פון קאוד מעניו.
- דרוקט די **Add** (צולייגן) קנעפל.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען אריינצולייגן די קאוד פון אייער Google Authenticator עפפ צו אייער קאמפיוטער.**
- איינמאל די עפפ האט אדער גע'סקענ'ט די QR קאוד ערפאלגליך אדער האט ערפאלגליך אריינגעלייגט די געהיימע קאוד אין די עפפ, וועט די עפפ צייגן א סקרין מיט אייער יוזער נאמען און א זעקס-ציפערן קאוד. דאס איז די קאוד וואס איר וועט אריינלייגן אין די קאמפיוטער אין די קומענדיגע שריט. די קאוד וועט זיך טוישן יעדע 30 סעקונדעס.

- שרייבט אריין די זעקס-ציפערן קאוד פון אייער עפפ אין די Enter Code (לייגט אריין קאוד) פלאץ אויף אייער קאמפיוטער און דרוקט **Verify** (באשטעטיגט).
- איר וועט ווערן צוריקגעשיקט צו די איינשרייבן סקרין וואו איר קענט אריינלייגן נאך א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל. באמערקט אז Google Authenticator איז יעצט אונטער די איינגעשריבענע פאקטארן קעפל.

  עצה: עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט אויפשטעלן מער ווי איין מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל.
- ווען איר האט שוין אויפגעשטעלט אלע מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וואס איר ווילט, דרוקט די **Finish** (ענדיגן) קנעפל.

  עצה: אויב איר שטעלט אויף א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל וואס נוצט א סעלפאון עפפ, דאונלאוד'ט די עפפ איידער איר דרוקט אויף די קנעפל עס אויפצושטעלן (**Setup**) אויף די "Set up multifactor authentication" (אויפשטעלן מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג) בראוזער בלאט. די צוויי מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וועלכע נוצן עפפס זענען Okta Verify און Google Authenticator.

**מעגליכע גרייז מעסעדזשעס און וויאזוי זיי צו לייזן.**

- גרייז מעסעדזש: צייט איז אויסגעלאפן.
- לעזונג: קונה מוז זיך נאכאמאל איינשרייבן.

- גרייז מעסעדזש: טאוקען איז נישט פאסיג.
- לעזונג:
  - קונה זאל איבערקוקן פונקטליכקייט.
  - קונה זאל "שיקן" קאוד נאכאמאל.

- גרייז מעסעדזש: געפונען גרייז.
- לעזונג: קונה מוז אריינלייגן קאוד.

- גרייז מעסעדזש: בארקאוד סקענ'ט נישט.
- לעזונג:
  - פרובירט אנדערע מיטלען געגעבן.
    - "שיקט אקטיוואציע דורך SMS" - קונה קען אריינלייגן א טעלעפאן נומער.
    - "אויפשטעלן אליינס אן א שטופ" - קונה וועט זען א צייטווייליגע קאוד.

- "שיקט אקטיוואציע אימעיל" - קונה וועט באקומען אן אימעיל צו די אימעיל אדרעס גענוצט ווען געעפענט זייער אקאונט.
- פארזיכערן קונה'ס דעוויס "ערלויבט" צוטריט צום קאמערא.

[צוריק צו די הויפט בלאט]

**אויפשטעלן Okta Verify מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג**

אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען א סקרין וואס בעט אייך צו אויפשטעלן אייער מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג.

- אויף אייער סמארטפאון, דאונלאוד'ט די Okta Verify עפפ. זע אונטן די אנווייזונגען אויף צו דאונלאוד'ען די עפפ.
- אויף אייער קאמפיוטער סקרין, דרוקט **Setup** אונטער Okta Verify צו אנהויבן די אויפשטעל פראצעס.
- וועלט אויס אדער iPhone אדער Android ווענדנדיג אין אייער דעוויס.
  - מען וועט אייך אנזאגן צו דאונלאוד'ען די Okta Verify עפפ פון די Google Play Store (Android) אדער די App Store (iPhone). אויב איר האט עס נאכנישט געטון, זאלט איר יעצט דאונלאוד'ען די עפפ. זע אונטן די אנווייזונגען אויף צו דאונלאוד'ען די עפפ.

  עצה: אויב איר האט אן Apple טאבלעט, וועלט אויס iPhone.
- דרוקט די **Next** (ווייטער) קנעפל.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען פאר דאונלאוד'ען די Okta Verify עפפ אן Android דעוויס (Google Play) אדער אן Apple דעוויס (App Store).**
- אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו Google Play (Android) אדער די App Store (Apple Device). מאכט זיכער אז אייער סמארטפאון אדער טאבלעט לויפט אויף די לעצטע ווערסיע פון די ארבעט סיסטעם (OS).
- אין Google Play אדער די App Store, זוכט די Okta Verify עפפ.
- וועלט אויס די Okta Verify מאבייל עפפ.
- דאונלאדא'ט און לייגט ארויף די עפפ.
- איינמאל איר האט ארויפגעלייגט די Okta Verify עפפ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו די עפפ אויף אייער דעוויס און עפנט עס.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען צו אויפשטעלן די Okta Verify עפפ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט.**
- אייער קאמפיוטער סקרין וועט יעצט צייגן א דיאלאג קעסטל מיט א פלינקע ענטפער (QR) קאוד אין עס. די QR קאוד וועט אויסזען ווי א קעסטל אנגעפולט מיט שווארצע פינטלעך.
  - אויב איר קענט נישט סקענ'ען די QR קאוד, דרוקט די **Can't Scan?** (קען נישט סקענ'ען?) איסוואל אונטער די QR קאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין. זע אונטן פאר אנווייזונגען אויפצושטעלן Okta Verify נאכ'ן דרוקן אויף Can't Scan.

- אויב איר קענט נישט סקענ'ען די QR קאוד, גייט צו די Okta Verify עפּ אויף אייער דעווייס און עפנט די עפּ.
- דרוקט **Get Started** (הייבט אן).
- דרוקט **Next** (ווייטער).
- דרוקט **Add Account** (לייגט צו אקאונט).
- דרוקט **Other** (אנדערע).
- איר וועט באקומען די אויסוואל צו אדער **סקען א QR** קאוד אדער **אריינ'טייפ'ען אן אויפשטעל קאוד.** וועלט אויס איינס.
    - אויב איר וועלט אויס צו אריינלייגן די קאוד אליינס, וועט איר דארפן נאכפאלגן די שריט פאר באשטעטיגן אליינס אן שטופ מעלדונג פון די Can't Scan (קען נישט סקענ'ען) דראפדאון ליסטע אונטן.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען אויף צו נוצן די Okta Verify עפּ צו סקענ'ען א QR קאוד.**
- אויב איר האט אן Android דעווייס, וועט די עפּ בעטן פאר ערלויבעניש צו נוצן אייער קאמערא. דרוקט OK (גוט).
- אויב איר האט אן Apple דעווייס, וועט איר זען א מעסעדזש אז *"Okta Verify" וויל האבן צוטריט צום קאמערא*. דרוקט OK (גוט).
- לייגט אייער סמארטפאון אדער טאבלעט'ס קאמערא איבער די QR קאוד וואס איז אויף אייער קאמפיוטער סקרין. די עפּ וועט אוטאמאטיש סקענ'ען אייער קאוד אריין צו די סעלפאון אדער טאבלעט.
- אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען די איינשרייבן סקרין מיט א בילד פון א QR קאוד.
- אין די Okta Verify עפּ, דרוקט אויף **Add Account** (לייגט צו אקאונט).
- לייגט אייער סמארטפאון אדער טאבלעט'ס קאמערא איבער די QR קאוד וואס איז אויף אייער קאמפיוטער סקרין.
- נאך איר סקענ'ט די QR קאוד, וועט א נייע סקרין ארויפקומען אויף אייער עפּ פרעגנדיג אייך ערלויבן שטופ מעלדונגען? וועלט אויס אדער **Allow** (ערלויבט) אדער **Skip** (ווייטער).
- נאכ'ן סקענ'ען די QR קאוד ערפאלגליך אריין צו אייער סמארטפאון, וועט די קאמפיוטער סקרין ציייגן אז איר האט ערפאלגליך גע'סקענ'ט די קאוד.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען צו אויפשטעלן Okta Verify דורך אימעיל אדער SMS נאכ'ן דרוקן אויף Can't Scan** (קען נישט סקענ'ען).
- נאכ'ן דרוקן אויף **Can't Scan** (קען נישט סקענ'ען) אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען א סקרין וואס זאגט Setup Okta Verify. אויף דעם סקרין, איז דא א דראפדאון ליסטע וואס שטעלט צו די פאלגנדע אויסוואלן: שיקט אקטיוואציע לינק דורך אימעיל, שיקט אקטיוואציע לינק דורך SMS, און אויפשטעלן אליינס אן שטופ מעלדונג.

  עצה: די אנווייזונגען צו אויפשטעלן אליינס אן שטופ מעלדונג שטייט אונטן.
- דרוקט אויף **שיקט אקטיוואציע לינק דורך אימעיל** אדער **שיקט אקטיוואציע לינק דורך SMS.** מען וועט אייך שיקן א לינק.

עצה: איר **מוזט** דרוקן אויף די לינק פון אייער סמארטפאון אדער טאבלעט.

- אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו אייער אימעיל אדער טעקסט מעסעדזש עפפ צו האבן צוטריט צו די לינק. עפנט די אימעיל אדער טעקסט מעסעדזש וואס מען האט אייך געשיקט. דרוקט אויף די לינק ענטהאלטן אין די מעסעדזש.
- מען וועט אייך נעמען צו די Okta Verify וועבסייט.
- דרוקט אויף **Get Started** (הייבט אן).
- אייער סמארטפאון וועט זיך פארבינדן צו די Okta Verify וועבסייט און באשטעטיגן די לינק. אייער קאמפיוטער סקרין וועט ציי‌גן אז איר האט ערפאלגליך גע'סקענ'ט די קאוד.
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען צו אויפשטעלן Okta Verify דורך אליינס אן שטופ מעלדונג פון די Can't Scan (קען נישט סקענ'ען) דראפדאון ליסטע.**
- נאכ'ן דרוקן אויף **Can't Scan** (קען נישט סקענ'ען) אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען א סקרין וואס זאגט Setup Okta Verify. אויף דעם סקרין, איז דא א דראפדאון ליסטע וואס שטעלט צו די פאלגנדע אויסוואלן: שיקט אקטיוואציע לינק דורך אימעיל, שיקט אקטיוואציע לינק דורך SMS, און אויפשטעלן אליינס אן שטופ מעלדונג.
- וועלט אויס די אויסוואל: באשטעטיגט אליינס אן שטופ מעלדונג.
- איר וועט ווערן גענומען צו א סקרין וואס ענטהאלט א געהיימע קאוד.
- עפנט אייער Okta Verify עפפ.
- דרוקט **Get Started** (הייבט אן).
- דרוקט **Next** (ווייטער).
- דרוקט **Add Account** (לייגט צו אקאונט).
- דרוקט **Other** (אנדערע).
- וועלט אויס אריינ'טייפ'ען די קאוד אליינס.
- לייגט אריין די קאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין אריין צו אייער סמארטפאון סקרין. אויף אייער סמארטפאון, וועט איר אריינלייגן אן אקאונט נאמען (געמאכט דורך אייך) און די געהיימע קאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין.
- דרוקט **Add Account** (לייגט צו אקאונט).
  - נאך די קאוד ווערט באשטעטיגט, וועט אייער קאמפיוטער סקרין ציי‌גן אז איר האט ערפאלגליך גע'סקענ'ט די קאוד.
- דרוקט **Done** (געענדיגט).
- **נוצט די פאלגנדע אנווייזונגען נאך איר האט ערפאלגליך גע'סקענ'ט א QR קאוד אדער אליינס באשטעטיגט די קאוד מיט אייער עפפ.**
- איינמאל די QR איז געווארן גע'סקענ'ט, וועט די עפפ זיך טוישן צו א סקרין מיט א זעקס-ציפערן קאוד. די קאוד וועט זיך טוישן יעדע 30 סעקונדעס.

- נאכ'ן ערפאלגליך אויפשטעלן אייער Okta Verify עפפ, וועט אייער קאמפיוטער ווייזן די איינשרייבן סקרין וואו איר קענט אריינלייגן נאך א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל. די סקרין וועט יעצט ווייזן אז Okta Verify איז אונטער די איינגעשריבענע פאקטארן קעפל.
- ווען איר האט שוין אויפגעשטעלט אלע מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וואס איר ווילט, דרוקט די Finish (ענדיגן) קנעפל.

  עצה: אויב איר שטעלט אויף א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל וואס נוצט א סעלפאון עפפ, דאונלאוד'ט די עפפ איידער איר דרוקט אויף די קנעפל עס אויפצושטעלן (**Setup**) אויף די "Set up multifactor authentication" (אויפשטעלן מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג) בראוזער בלאט. די צוויי מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וועלכע נוצן עפפס זענען Okta Verify און Google Authenticator.

**מעגליכע גרייז מעסעדזשעס און וויאזוי זיי צו לייזן.**

- גרייז מעסעדש: צייט איז אויסגעלאפן.
- לעזונג: קענט מוז זיך נאכאמאל איינשרייבן.

- גרייז מעסעדש: טאוקען איז נישט פאסיג.
- לעזונג:
  - קענט זאל איבערקוקן פונקטליכקייט.
  - קענט זאל "שיקן" קאוד נאכאמאל.

- גרייז מעסעדש: געפונען גרייז.
- לעזונג: קענט מוז אריינלייגן קאוד.

- גרייז מעסעדש: בארקאוד סקענ'ט נישט.
- לעזונג:
  - פרובירט אנדערע מיטלען געגעבן.
    - "שיקט אקטיוואציע דורך SMS" - קענט קען אריינלייגן א טעלעפאן נומער.
    - "אויפשטעלן אליינס אן א שטופ" - קענט וועט זען א צייטווייליגע קאוד.
    - "שיקט אקטיוואציע אימעיל" - קענט וועט באקומען אן אימעיל צו די אימעיל אדרעס גענוצט ווען געעפענט זייער אקאונט.
  - פארזיכערן קענט'ס דעווייס "ערלויבט" צוטריט צום קאמערא.

[צוריק צו די הויפט בלאט](#)

## SMS Verify

אויף אייער קאמפיוטער סקרין, דארפט איר זען א סקרין וואס בעט אייך צו אויפשטעלן אייער מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג.

- דרוקט Setup אונטער SMS באשטעטיגונג.
- איר וועט ווערן געבעטן ארייננצולייגן א טעלעפאן נומער.

  עצה: די טעלעפאן נומער מוז קענען באקומען טעקסט מעסעדזשעס.

- נאך איר לייגט אריין אייער טעלעפאן נומער, דרוקט **Send code** (שיקט קאוד).
- איר וועט באקומען א טעקסט מעסעדזש וואס ענטהאלט א קאוד. לייגט אריין די קאוד אין די Enter Code (לייגט אריין קאוד) קעסטל.
- דרוקט **Verify** (באשטעטיגט).
- איר וועט צוריקגעשיקט ווערן צו די מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג איינשרייבן סקרין. באמערקט אז די SMS באשטעטיגונג איז יעצט אונטער די איינגעשריבענע פאקטארן קעפל.
- עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט אויפשטעלן מער ווי איין מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל.
- ווען איר האט שוין אויפגעשטעלט אלע מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וואס איר ווילט, דרוקט די **Finish** (ענדיגן) קנעפל.

צוריק צו די הויפט בלאט

## Voice Call (טעלעפאן רוף) באשטעטיגונג

אויף אייער קאמפיוטער סקרין, דארפט איר זען א סקרין וואס בעט אייך צו אויפשטעלן אייער מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג.

- דרוקט Setup אונטער Voice Call (טעלעפאן רוף) באשטעטיגונג.
- איר וועט ווערן געבעטן ארייננצולייגן א טעלעפאן נומער.
- נאך איר לייגט אריין אייער טעלעפאן נומער, דרוקט **Call** (רופט).
- איר וועט באקומען א טעלעפאן רוף. ווען איר הייבט אויף די טעלעפאן, וועט א רעקארדירטע שטימע אפליינען א פינף-ציפערן נומער צו אייך.

  עצה: דער נומער וועט נאר געזאגט ווערן איין מאל. מאכט זיכער צו האבן א פענע און פאפיר גרייט צו ארופשרייבן די נומער.

- לייגט אריין די קאוד אין די Enter Code (לייגט אריין קאוד) קעסטל.
- דרוקט **Verify** (באשטעטיגט).
- איר וועט צוריקגעשיקט ווערן צו די מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג איינשרייבן סקרין. באמערקט אז די Voice Call (טעלעפאן רוף) באשטעטיגונג איז יעצט אונטער די איינגעשריבענע פאקטארן קעפל.
- עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט אויפשטעלן מער ווי איין מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל.

- ווען איר האט שוין אויפגעשטעלט אלע מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וואס איר ווילט, דרוקט די Finish (ענדיגן) קנעפל.

[צוריק צו די הויפט בלאט]